בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת נשא תשע"ח | פרקי אבות א | גליון 457 [שנה י']

**וואס איז די אריכות פון "מכל חטאת האדם"**

אִישׁ אוֹ אִשָּׁה כִּי יַעֲשׂוּ מִכָּל חַטֹּאת הָאָדָם לִמְעֹל מַעַל בַּה' וְאָשְׁמָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא: (ה ו) דארף מען פארשטיין וואס איז די אריכות כִּי יַעֲשׂוּ "מִכָּל חַטֹּאת הָאָדָם" לִמְעֹל מַעַל בַּה', עס וואלט געקענט שטיין אִישׁ אוֹ אִשָּׁה כִּי יִמְעֹל מַעַל בַּה'? אויך איז שווער דאס וואס עס שטייט "וְאָשְׁמָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא" וואס קומט דאס צו לערנען? נאר מען קען דאס פארענטפערן אז עס איז דא עבירות בין אדם למקום און עבירות בין אדם לחבירו, און יעדע עבירה וואס א מענטש איז עוֹבר מאכט דאס א פְּגַם און א פְּלֶעק אין זיין נֶפֶש ביז ער טוט תשובה, און נאכן תשובה טאן זאגט דוד המלך ע"ה הֶרֶב כַּבְּסֵנִי מֵעֲוֹנִי וּמֵחַטָּאתִי טַהֲרֵנִי: (תהלים נא ד) אלעס ווערט ריין און אפגעוואשן. זאגט די הייליגע תורה זאלסט נישט מיינען אז נאר עבירות בין אדם למקום איז דא א גרויסער פְּלֶעק אבער עבירות בין אדם לחבירו איז די פְּלֶעק נישט אזוי גרויס, דעריבער זאגט דער פסוק "מִכָּל חַטֹּאת הָאָדָם" וואס דו זינדיגסט אנקעגן אנדערע מענטשן, וואס דאס איז עבירות בין אדם לחבירו, איז דאס גערעכנט אזוי ווי לִמְעֹל מַעַל בַּה', ווי דו זינדיגסט אנקעגן אויבערשטן, און "וְאָשְׁמָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא" און באקומסט די זעלבע גרויסע פְּלֶעק אויף דיין נפש, דעריבער דארף מען אויך שטארק תשובה טאן כדי אראפצונעמען דעם פְּלֶעק. (אהל ברוך להגה"צ ר' ברוך גרינפעלד תלמיד ערוגת הבושם)

**וואס איז דער חילוק פון בין אדם למקום און בין אדם לחבירו**

אִישׁ אוֹ אִשָּׁה כִּי יַעֲשׂוּ מִכָּל חַטֹּאת הָאָדָם לִמְעֹל מַעַל בַּה' וְאָשְׁמָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא וְהִתְוַדּוּ אֶת־חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ וְהֵשִׁיב אֶת־אֲשָׁמוֹ בְּרֹאשׁוֹ: (ה ו) עס איז ידוע אז יוה"כ איז מכפר אויף עבירות שבין אדם למקום אבער עבירות שבין אדם לחבירו איז יוה"כ נישט מכפר ביז מען בעט איבער דעם חבר, קען מען דאס מרמז זיין אין פסוק: אִישׁ אוֹ אִשָּׁה כִּי יַעֲשׂוּ מִכָּל חַטֹּאת הָאָדָם, וואס דאס איז בין אדם לחברו, אדער לִמְעֹל מַעַל בַּה', די עבירות שבין אדם למקום, זאגט דער פסוק וְאָשְׁמָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא, ביידע עבירות זענען גרויס, אבער עס איז דא א חילוק: ביי עבירות בין אדם למקום איז גענוג וְהִתְוַדּוּ אֶת־חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ, זאגן ווידוי יוה"כ און תשובה טאן און וְהֵשִׁיב אֶת־אֲשָׁמוֹ בְּרֹאשׁוֹ עס איז דא א כפרה, אבער עבירות בין אדם לחברו, העלפט נישט ווידוי נאר וְנָתַן לַאֲשֶׁר אָשַׁם לוֹ: צום חבר וואס דו האסט געזינדיגט, אים דארפסטו איבערבעטן צו האבן א כפרה. (בית יעקב –חדאד מקובל מתוניס מחבר כנף רננים על תהלים ועוד)

**משה רבינו בענטשט אויך די אידן**

וַיְדַבֵּר ה' אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר כֹּה תְבָרְכוּ אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אָמוֹר לָהֶם: (ו' כ"ג) לכאורה וואלט געדארפט שטיין אָמוֹר לָהֶם כֹּה תְבָרְכוּ? נאר ביי ברכת כהנים זאגט מען "בָּרְכֵנוּ בַּבְּרָכָה הַמְשֻׁלֶּשֶׁת בַּתּוֹרָה הַכְּתוּבָה עַל יְדֵי מֹשֶׁה עַבְדֶּךָ, הָאֲמוּרָה מִפִּי אַהֲרֹן וּבָנָיו כֹּהֲנִים, עַם קְדוֹשֶׁךָ, כָּאָמוּר.". זעט מען אז ביי ברכת כהנים דארפן די כהנים אויך מצרף זיין די זכות פון משה רבינו, ממילא קען זיין פשט אין פסוק: וַיְדַבֵּר ה' אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר, דער אויבערשטער זאגט צו משה רבינו: כֹּה תְבָרְכוּ אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, ווען אהרן הכהן וועט בענטשן כלל ישראל, וועט זיין אויך אָמוֹר לָהֶם, מען וועט דיר מצרף זיין, און עס זאל זיין אזוי ווי דו– משה רבינו– זאגט'ס אויך די ברכות. (אזור אליהו הארשאווסקי)

**וואו שטייט אז כהנים דארף בענטשן די אידן**

כֹּה תְבָרְכוּ אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אָמוֹר לָהֶם: (ו' כ"ג) דער הייליגער חוזה מלובלין פרעגט אין זיין ספר דברי אמת: אז אין אנפאנג מס' ברכות ווען עס שטייט מאימתי קורין את שמע בערבין, פרעגט די גמ' תנא היכא קאי, וואו שטייט בכלל אז מען דארף ליינען ק"ש וואס די משנה פרעגט מאימתי, אויב אזוי דא שטייט כֹּה תְבָרְכוּ אז מען דארף בענטשן, פארוואס שטייט נישט פריערט אז מען דארף בענטשן די אידן און ערשט נאכדעם זאל די תורה זאגן כֹּה תְבָרְכוּ? עיי"ש. נאר מען וואלט געקענט ענטפערן אז תוס' אנפאנג פרק כיצד מברכין פרעגט וואו שטייט אז מען דארף בכלל מאכן א ברכה אז דער תנא הויבט אן כיצד מברכין? און תוס' ענטפערט אז עס איז א סברא אז מען דארף מאכן א ברכה ווייל אסור ליהנות בעוה"ז בלא ברכה, אויב אזוי קען מען דאס דא אויך פארענטפערן אז דאס איז א סברא אז די הייליגע כהנים דארפן בענטשן די אידן, דעריבער נאך אזא סברא, זאגט די תורה כֹּה תְבָרְכוּ, אזוי דארף מען זיי בענטשן. (בית פינחס – הלוי הורוויץ)

## סיפורים צום יארצייט פון הייליגן בית אהרן קארלין טו"ב סיון

**געפארן קיין קארלין און געווארן געזונט**

אין צפת האט געוואוינט א חסיד פון הייליגן בית אהרן פון קארלין זצוק"ל, ר' יהושע -דער איידעם פון דעם שוחט פון אקא אין אונגארן-, ער איז געוועזן א ארימאן און איז געווארן קראנק אויף די לונגען ל"ע, ווען ער האט זיך ערהוילט האט זיין דאקטער געזאגט פאר אים אז ער זאל פארן קיין חיפה אויף א פאר וואכן ווייל די לופט איז גוט פאר זיינע לונגען, זייענדיג א ארימאן האט מען צוזאמען געקליבן אביסל געלט אויף צו פארן קיין חיפה, ר' יהושע איז אנגעקומען אין חיפה און דארטן איז געוועזן די פארט וואו די שיפן פארן ארויס און ר' יהושע האט דארטן געטראפן הרה"צ ר' דוד'ל מלעלוב וואס האט געהאלטןביים פארן קיין קארלין צום בית אהרן מיט ארום צוואנציג חסידים, ר' יהושע האט שטענדיג געוואלט פארן קיין קארלין נאר אין שטוב האט מען אים נישט געלאזט ארויספארן אזא לאנגע נסיעה, און יעצט וועט אים קיינער נישט אפהאלטן און ער בעט אז ר' דוד'ל זאל ער אים מיט נעמען.

פרעגט אים ר' דוד וויפיל געלט האט ער האט ר' יהושע געענטפערט: דריי מטבעות! ר' דוד'ל האט געוואוסט אז ר' יהושע איז א ארימאן, האט ער געזאגט קום מיט אונז אויף מיין חשבון. ר' יהושע האט זיך זייער געפריידט און די שיף פארט. אבער די ווינטן און די לופט פון ים האט נישט געשטימט מיט ר' יהושע'ס שוואכע לונגען און ער האט באקומען היץ און נישט געפילט גוט, דעמאלטס האט ר' דוד'ל זיך דערוואוסט דעם אמת פארוואס ר' יהושע איז געקומען קיין חיפה זיך צו היילן און אז ער איז נישט אינגאנצן געזונט, און ר' דוד'ל האט זיך זייער דערשראקן פון דעם מצב און האט געפרעגט ר' יהושע פארוואס ער האט זיי נישט דערציילט דעם אמת? אבער ר' דוד'ל האט זיך שנעל בארוהיגט און געזאגט אז מיר פארן צום רבין וועט אלעם זיין גוט און אים געגעבן א ברכה אז ער זאל זיין געזונט.

דער אויבערשטער האט געהאלפן אז דער מצב ביי ר' יהושע האט זיך פארבעסערט און די היץ איז אים אראפ און מען איז ווייטער געפארן רוהיג. די שיף איז אנגעקומען אין רוסלאנד און די חסידים זענען אראפ און געדונגען א

וואגן צו גיין קיין קארלין, די חסידים זענען גלייך געגאנגען צום רבין, ווען זיי זענען אנגעקומען אין חצר פון רבין איז ר' דוד'ל אריין ערשט מיט נעמען פון די אלע וואס זענען געפארן מיט אים, און דער רבי האט געליינט דעם קוויטל און געהייסן די חסידים זאלן אריינקומען, דערוויל האט דער רבי געדארפט ארויס גיין, און די חסידים האבן געווארט און ווען דער רבי האט געמאכט דעם "אשר יצר" האט ער געקוקט אויף די חסידים און בפרט אויף ר' יהושע און דער רבי איז צוגעגאנגען צו ר' יהושע און געגעבן א קלאפ אויפן פלייצע און אויסגעפירט "רופא כל בשר ומפליא לעשות", און געזאגט שלום עליכם יהושעלע פון צפת! ר' יהושע האט דא געזען די קלארע ברכה פון רבין אז ער וועט זיין אינגאנצן געזונט, און ער האט שוין אנגעהויבן פילן בעסער ביז א פאר טעג איז ער געווען כאחד האדם, ר' יהושע האט געדאנקט ר' דוד'ל פאר אים מיטנעמען און געזאגט ווער איז זוכער אז פון יעצט וועט ער שוין זיין געזונט און ר' יהושע האט דערציילט סוף ימיו פאר הרה"ח ר' אלעזר ברייזל זצ"ל אז ער האט קיינמאל נישט געליטן אויף די לונגען נאך די נסיעה קיין קארלין זיע"א.

## געהאלפן דעם רבין און איז געווארן רייך

עס איז געווען א חסיד פון בית אהרן, ר' סענדער פון דובראוויין, וואס ער איז געווען א סוחר פון אקסן. איינמאהל איז געווען א גרויסער יריד פון אקסן אין ווארשא און ר' סענדער האט געבארגט אסאך געלט און געקויפט אסאך אקסן צו פארקויפן אין ווארשא. אבער ווען ער איז געקומען אין יריד איז די פרייז פון די אקסן זייער געפאלן און ער האט גארנישט פארקויפט ביז צום סוף האט ער זיי געמוזט פארקויפן פאר זייער ביליג, און ר' סענדער האט געזען פאר זיך א גרויסן שאדן, און צום סוף נאך אלע הוצאות איז ער געבליבן מיט 110 רובל און שאדן געהאט א פאר טויזענט רובל און ער האט נישט געוואלט אהיים פארן ווייל ער האט מורא געהאט פון די בעלי חובות.

אויפן וועג אהיים איז ער אריבער געפארן קיין קארלין צום בית אהרן און האט זיך אויסגערעדט זיין פארוויטאגדיגע הארץ. דער רבי האט אים אויסגעהערט אבער גארנישט געענטפערט! האט ר' סענדער מחליט געווען אז ער וועט בלייבן אביסל אין קארלין. דערוויל האט דער הייליגער בית אהרן געדארפט נויטיג 100 רובל און האט געלאזט אויסרופן אז ווער עס וועט געבן 100 רובל וועט דער רבי אים א טובה טאן. אבער די ארימע חסידים האבן נישט געהאט 100 רובל צו געבן און אזוי האט דאס איבערגעחזרט דריי מאל, דא האט ר' סענדער געזען א עת רצון צו געהאלפן ווערן און האט גענומען די 100 רובל און דאס געגעבן פארן רבין, אבער דער רבי האט אים גארנישט געזאגט.

ווען ר' סענדער איז ארויס פון רבין האט ער באגעגנט די רביצין און זי האט איהם געזאגט אז זי איז עוסק אין א וויכטיגע צדקה און זי וויל ער זאל זיך משתתף זיין. ער האט נאר געהאט ביי זיך 10 רובל האט זי געזאגט גיב מיר 8 רובל און ר' סענדער האט איר געגעבן, איז אים געבליבן 2 רובל. די רעבעצין איז אריין צום רבין און זי האט דערציילט פארן רבין דער מצב פון ר' סענדער און האט געבעטן דעם רבין ער זאל איהם אנווינטשן ער זאל מצליח זיין. דער רבי הייסט מען זאל אריינרופן ר' סענדער און אים געזאגט זאלסט נעמען די 2 רובל און גיי אין מארק און קויף א שטיקל פרווה - פור- און דער אויבערשטער וועט דיר געבן הצלחה און זיי געזעגענען זיך. ר' סענדער האט געפאלגט דעם רבין און געקויפט א שטיקל פרווה און ער האט דאס מצליח געווען צו פארקויפן פאר א גרויסן ריווח. ר' סענדער האט שוין אנגעפאנגען זען די ישועה.

אויפן וועג אהיים האט אים א באקאנטער סוחר אנגעטראגן צו קויפן זיין וואלד מיט חשובע בוימער וואס האט גוטע האלץ. דער סוחר פארלאנגט נישט קיין געלט ביי אים יעצט און זאגט באצאלן ווען דו וועסט פארקויפן האלץ. ר' סענדער איז מלא שמחה פון די ישועת ה' און די הייליגע ברכה פון רבין. ר' סענדער קומט אהיים און דערציילט די משפחה די גוטע נייעס און אויך צו די בעלי חובות. א צייט שפעטער האט אים א גרויסער סוחר געבעטן פון ר' סענדער אז ער וויל קויפן די וואלד. איז ער געפארן צום רבין און געפרעגט וואס ער זאל טוהן האט דער רבי געזאגט אז ער זאל נישט פארקויפן די וואלד. ר' סענדער איז געווען א חסיד און דאס נישט פארקויפט, און האט געהאט הצלחה פון פארקויפן די האלץ. נאך דעם ווען דער בית אהרן איז נסתלק געווארן, איז ווייטער א גרויסער סוחר געבעטן פון ר' סענדער אז ער וויל קויפן די וואלד פאר א איבערגעוויינטליכע פרייז. איז ר' סענדער געגאנגען פרעגן הרה"צ ר' אשר דער זון פון בית אהרן, און דער רבי האט געזאגט די זעלבע זאך: אז ער זאל נישט פארקויפן די וואלד און ער דאס נישט פארקויפט. נאך דעם ווען הרה"צ ר' אשר איז נסתלק געווארן ט"ו אב תרל"ג, איז ווייטער א גרויסער סוחר געבעטן פון ר' סענדער אז ער וויל קויפן די וואלד פאר א אויסערגעוויינטליכע פרייז. איז ר' סענדער געקומען צו הרה"צ מרן אור ישראל דער הייליגער ינוקא ומנו"כ בפראנקפורט און ר' סענדער האט געפרעגט דעם רבין, און ער האט געזאגט מען זאל דאס נישט פארקויפן. נאך דעם וואס ר' סענדער איז נפטר געווארן האבן די יורשים פארקויפט די וואלד און די הצלחה איז אוועק געגאנגען פון זיי. זענען די יורשים געגאנגען צום רבין און געפרעגט וואס זאלן זיי טאן? האט ער זיי געזאגט: פארפאלן! זיי זענען שולדיג פארוואס זיי האבן פארקויפט די וואלד! זיע"א

## מנו"כ אין מלינוב א פלאץ פון ישועות

דער הייליגער בית אהרן איז נסתלק געווארן טו"ב סיון תרל"ב אבער פון שנת תר"ל האט ער שוין גערעדט פון גיין זיין לעצטע וועג. און ער האט זיך שטארק אינטערעסירט אויף פארשידענע שטעט אין וואהלין. די ערשטע פלאץ איז געווען דובנא, נאנט צו מלינוב. אבער וואס נענטער צו די הסתלקות האט ער גערעדט וועגן מלינוב. און דער טעם פארוואס ער האט נישט געוואלט ליגן אין קארלין? שטייט שוין אין הייליגן ספר בית אהרן דף קנ"ז וואס זיין הייליגער זון הרה"ק ר' אשר האט געזאגט אז דַּרְכֵי צִיּוֹן אֲבֵלוֹת מִבְּלִי בָּאֵי מוֹעֵד, און מענטשן קומען נישט אין קארלין, משא"כ אין וואהלין קומען אסאך מענטשן משתטח זיין אויף ציוני הצדיקים. דער אויבערשטער האט געהאלפן אז מען האט געטראפן זיין מקום מנוחה און געשטעלט א אוהל. יעצט איז דאס א פלאץ וואו אידן פארן פאר ישועות זיע"א





**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן**

שייגע בריוו פון סקולענער רבין זצוק"ל וועגן הרבצת תורה $2200, פאפא רב און צעהלימער רב זצוק"ל שרייבן א בריוו צו מחזק זיין תורה $1000, תהלים דפוס זיטאמיר עם אמרות טהורות מיט א שער פעלט חלק מעמדות $5000 מכתב קודש של הקדושת ציון מבאבוב הי"ד תרפ"ט מלא ברכות ה' $9000. שו"ע אורח חיים ג"ח דפוס זיטאמיר מצב מפואר $1000, ספר וואס האט באלאנגט צו הרה"צ ר' יענק'לע פשעווארסק ,$900 ספר מליצי אש ג' כרכים $200, סעט ליקוטי מהרי"א עה"ת והש"ס $150, חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $2000, ספר משנה הלכות מיט הקדשת המחבר אונגווער רב זצ"ל צו הרה"ק ר' פנחס שלום האגער מוויזניץ זצוק"ל מיט זיין חתימה $1000 גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , דרך אמונה סיגאט ח"ב דפו"ר $700, רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, רי"ף עם חתימת הגאון ר' חנוך הינך המרחשת $2500 , *ספר בנימין זאב באלאנגט צו תפארת שלמה ראדאמסק, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער $3000, סעט ארבע טורים מצב נהדר עם כריכה ארגנלית נדפס דיהרנפורט עם חתימת הגאון ר' זרח ב"ר אבא ליפפא אב"ד בוחיף ועוד $2000, פרי עץ חיים קארעץ שייך לר' ליבר בהרב און אלטע הגהות בקבלה כת"י $2000, ספר מיט חתימות הגאונים ר' בנימין וואלף ובנו ר' ירמיה לעוו. תורה בריוו א פאר בלעטער פון הגאון ר' יחזקאל ליפשיץ דער המדרש והמעשה זייער זעלטן $2000*

**דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז**

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to-pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***